**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/13/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דעקט אויף 'אלבאני'ס שטאט-צענטער סטראטעגיע' צו ווייזן די וועג פאר 200 מיליאן דאלאר אין גאר איינפלוסרייכע אינוועסטירונגען און צו אויפלעבן די הארץ פון די הויפטשטאט**

***ארומנעמיגע אקציע פלאן וואס האט גענומען געדאנקען פון די קאמיוניטי אדרעסירט האוזינג וואוקס, דזשאב שאפונג, פארשטערקערן קליינע ביזנעסער און אויפלעבן שטאט-צענטער'ס געשעפטן געסער און עפנטליכע שטחים***

***'אלבאני'ס שטאט-צענטער סטראטעגיע' פארעפנטליכט דא***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אויפגעדעקט די 'אלבאני'ס שטאט-צענטער סטראטעגיע' (Downtown Albany Strategy), אן ארומנעמיגע אויפלעבונג פלאן, מיט געדאנקען פון די קאמיוניטי, וואס איז טייל פון די 400 מיליאן דאלארדיגע Championing Albany’s Potential ('קעמפן פאר אלבאני'ס פאטענציאל", CAP) איניציאטיוו. די סטראטעגיע איז געשטיצט דורך 200 מיליאן דאלאר אין רעגירונג אינוועסטירונגען פון ניו יארק סטעיט צו ווייזן די וועג פאר קאארדינירטע שריט וואס וועלן אויפטרייבן האוזינג וואוקס צו צוציהען נייע איינוואוינער, שאפן דזשאבס, שטופן פאר לאנג-טערמיניגע איבערבויאונג, אויפלעבן ביזנעס געגנטער און אריינבלאזן אן ענערגיע אין עפנטליכע פלעצער. אנטוויקלט מיט געדאנקען פון טויזנטע איינוואוינער, ארבייטער, סטודענטן, ביזנעס אייגנטימער און קאמיוניטי פירער — שפיגלט די אלבאני'ס שטאט-צענטער סטראטעגיע אפ ברייטע באמיאונגען צו הערן פון די פובליקום דורך ווארקשאַפּס, באגעגענישן מיט פארמישטע קערפערשאפטן און גרופעס קאנצענטרירט אויף ספעציפישע געביטן, און די סטראטעגיע איז א חזון פאר נייע עקאנאמישע וואוקס געוויזן די וועג דורך די קאמיוניטי'ס פריאריטעטן.

"אלבאני'ס שטאט-צענטער איז שוין א היסטארישע צענטער פאר מער פון 400 יאר, און איך בין פארפליכטעט צו באנייען איר רוהם נישט נאר אין דעם ראיאן, נאר אריבער אונזער סטעיט און לאנד. די סטראטעגיע וועט ברענגען טראנספארמאטיווע טויש און ארויסברענגען איר פולע פאטענציאל", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "דורך אינוועסטירונגען מיט א גרויסע השפעה, שטארקע שותפות'ן און קלארע וואוקס מטרות, טוהען מיר בויען אן אויפגעלעבטע שטאט-צענטער וואס פאסט זיך פאר די הויפטשטאט פון די 'עמפּייער סטעיט' פאר איינוואוינער, ארבייטער און באזיכער צוגלייך."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, Hope Knight (האָופּ נייט), האט געזאגט,** "די סטראטעגיע איז נישט אן איינפאכע ליסטע פון פראיעקטן, נאר עס שפיגלט אפ וואס איז אלץ מעגליך ווען מיר פארן צוזאם די שטימעס פון די קאמיוניטי מיט קלוגע, געציהלטע אינוועסטירונגען. דורכן זיך קאנצענטרירן אויף האוזינג, דזשאבס און קוואליטעט פון לעבן, טוהען מיר אוועקשטעלן די יסוד פאר אנהאלטנדע וואוקס און א באנייטע צוטרוי אין די הצלחה פון אלבאני'ס שטאט-צענטער."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services) קאמישאנער, Jeanette Moy (דזשינעט מאָי), האט געזאגט,** "די אויפלעבונג פון אלבאני'ס שטאט-צענטער, אנגעפירט דורך גאווערנער Hochul (האקול), טוט אויפבויען א מער יעדן-אריינגנעמנדע און לעבהאפטיגע צוקונפט פאר די הויפטשטאט וואס שפיגלט אפ און באדינט ניו יארקער און באזיכער צוגלייך. מיר זענען פארפליכטעט צו פארשטערקערן די Empire State Plaza'ס קשרים מיט אירע ארומיגע קאמיוניטיס און מאדערניזירן אונזערע עפנטליכע ערטער, מאכנדיג אלבאני'ס שטאט-צענטער פאר א דעסטינאציע וואו יעדער וויל זיין."

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט (Department of Transportation) קאמישאנער, Marie Therese Dominguez (מערי טעריזע דאמינגעז), האט געזאגט,** "די אלבאני'ס שטאט-צענטער סטראטעגיע איז אן ארומנעמיגע בלופרינט וואס וועט פארוואנדלען גאווערנער Hochul (האקול)'ס חזון אין א גאר שעפערישע נייע רעאליטעט פאר אונזער הויפטשטאט. די סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט איז שטאלץ צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי אויף די אינציאטיוו וואס וועט האבן א פילפאכיגע השפעה פאר דורות אויף די סיטי אָוו אלבאני און אירע איינוואוינער. דורך טראנספארמאטיווע פראיעקטן ווי די נייע Livingston Avenue בריק און די ארבעט צו פונדאסניי איבערארבעטן די Interstate 787 שאסיי, זענען מיר שוין שווער ביים ארבעט דאס צו אויספירן פאר די מענטשן וועלכע וואוינען און ארבעטן אין אלבאני'ס שטאט-צענטער."

**סטעיט סענאטארשע Patricia Fahy (פעטרישע פעיהי) האט געזאגט,** "אלבאני טוט נישט בלויז אריבערמישן די בלאט אויף א נייע קאפיטל אין איר היסטאריע — נאר מיר שרייבן א גענצליך נייע בוך אזוי ווי מיר קוקן ארויס צו די צוקונפט. דאס אויפלעבן אלבאני'ס שטאט-צענטער, די הארץ פון אונזער הויפטשטאט ראיאן, הויבט זיך אן מיט דריי הויפט נקודות: בויען מער האוזינג יוניטס וועלכע זענען באמת צוגענגליך און אפאָרדעבעל צו אדרעסירן די האוזינג קריזיס; צוריק 'אנציגדן די לעקטער' פאר אונזער שטאט-צענטער'ס קליינע ביזנעסער און שאפן א דעסטינאציע-לאקאציע; און אינוועסטירן אין קאמיוניטי פארבעסערונגען און מאדערניזירונגען פאר די שטאט-צענטער'ס געגנטער, אריינרעכענענדיג איבערבויען Liberty Park. א דאנק די טראנספארמאטיווע 400 מיליאן דאלאר וואס מיר האבן פארזיכערט לעצטע יאר, שטייען מיר בעפאר א נייער טאג פאר אלבאני, און איך וויל באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול), מיינע לעגיסלאטיווע קאלעגן, הויפטשטאט ראיאן פארטרעטער, מעיאר Applyrs (אפּלירס) און געוועזענע מעיאר Sheehan (שיהען) פאר זייער אנגייענדע שותפות. אלבאני'ס צוקונפט שיינט לעכטיג."

**אסעמבלי מיטגליד John T. McDonald III (דזשאן ט. מעקדאנעלד דער דריטער), RPh, האט געזאגט,** "דאס אויפלעבן אלבאני'ס שטאט-צענטער פארלאנגט אן ארומנעמיגע פלאן וואס אדרעסירט האוזינג, עקאנאמישע געלעגנהייטן און די זיכערהייט פון די פובליקום צוזאמען. די סטראטעגיע נעמט אונטער שריט צו אריינברענגען נייע איינוואוינער, שטיצן קליינע ביזנעסער און העלפן פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן. איך בין ערמוטיגט דורך די שטארקע באטייליגונג פון די קאמיוניטי אין דאס אויפקומען מיט די פלאן, און איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים צו זיכער מאכן אז די אינוועסטירונגען שטעלן אהער לאנג-אנהאלטנדע רעזולטאטן פאר דעם הויפטשטאט ראיאן."

**אסעמבלי מיטגלידערין Gabriella A. Romero (גאבריעלא א. ראָמעראָו) האט געזאגט,** "אלבאני'ס שטאט-צענטער איז די הארץ פון אונזער הויפטשטאט, און די סטראטעגיע פאר די היסטארישע 200 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג ווייזט אז מיר רוקן זיך ווייטער פון די שמועסן און אריין צו עכטע, טראנספארמאטיווע שריט פאר אונזער קאמיוניטי. פון דאס אויסברייטערן האוזינג און שאפן שיין-באצאלטע דזשאבס ביזן שטיצן קליינע ביזנעסער און אויפלעבן אונזערע עפנטליכע שטחים, צייכנט די סטראטעגיע אפ א באגייסטערנדע טריט פאראויס פאר אלבאני. איך בין באזונדערס שטאלץ אז טויזנטע קאמיוניטי מיטגלידער האבן געהאלפן אויספארעמען די פלאן, ווייל אנהאלטנדע פארשריט געשעהט נאר ווען די מענטשן וועלכע וואוינען און ארבעטן דא האבן א זיץ ביים טיש. איך קוק ארויס צו אנגייענדע

קאמיוניטי צוזאמענארבעט אזוי ווי מיר ארבעטן צו אויפבויען א לעבהאפטיגע, בליהענדע שטאט-צענטער פאר יעדן'ס הנאה."

**אלבאני קאונטי עקזעקיוטיוו, Daniel P. McCoy (דעניעל פּ. מעקקאָי), האט געזאגט,** "אלבאני איז שטענדיג געווען די צענטער פון די הויפטשטאט ראיאן'ס בירגערליכע און עקאנאמישע לעבן, און די פלאן איז געציהלט צו ארויפבויען אויף די יסוד. די אלבאני'ס שטאט-צענטער סטראטעגיע איז א פראקטישע און למעשה'דיגע בלוּפּרינט קאנצענטרירט אויף לאנג-טערמיניגע השפעה, זיכער מאכנדיג אז די שטאט-צענטער בלייבט א פלאץ וואו מענטשן ווילן וואוינען, ארבעטן און פארברענגען צייט. איך באדאנק גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר היסטארישע 400 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג דורך די Championing Albany's Potential (CAP) אינציאטיוו און אירע אמביציעזע מטרות פאר די רעזולטאטן וואס עס וועט אהערשטעלן. די פלאן וועט העלפן פונדאסניי אויספארעמען נישט נאר אונזער שטאט-צענטער, נאר אויך די צוקונפט פון אלבאני קאונטי."

**סיטי אָוו אלבאני מעיאר, Dr. Dorcey Applyrs (דר. דאָרסי אפּלירס), האט געזאגט,** "אלבאני'ס שטאט-צענטער איז די הארץ פון אונזער הויפטשטאט, און די אנאנסירונג איבער די אלבאני'ס שטאט-צענטער סטראטעגיע גיבט אונז א קלארע, קאארדינירטע וועג איר צו פארשטערקערן. די קלאר אויסגעלייגטע סקעדזשוּל האלט אלע פארמישטע קערפערשאפטן פאראנטווארטליך, מיט קלארע ממשיות'דיגע ציהלן אריינגעבויט צו זיכער מאכן אז מיר בלייבן אויף די רעלסן. מיט די גאווערנער'ס ארבעט און אינוועסטירונג, קוקן מיר ארויס צו צולייגן טויזנטע דזשאבס אין לויף פון די קומענדיגע יאר צענדליג, אריינברענגען פריוואטע אינוועסטירונג און פארבעסערן זיכערהייט רעיטינגס כדי איינוואוינער און באזיכער זאלן קענען פילן רואיג אין אונזער שטאט-צענטער. די שטאפל פון קאארדינאציע איז וויאזוי מיר בויען צוריק אויף צוטרוי און וויאזוי מיר ברענגען אנהאלטנדע וואוקס צו אונזער שטאט-צענטער, א זאך וואס איינוואוינער, באזיכער און ביזנעס אייגנטימער האבן אונז געזאגט אז זיי ווילן זעהן. איך בין דאנקבאר פאר די גאווערנער'ס פירערשאפט, און איך קוק ארויס צו אונזער שותפות אזוי ווי מיר ארבעטן צו מאכן די פלאן פאר א רעאליטעט."

די סטראטעגיע גיבט פריאריטעט אויף קאנצענטרירטע אינוועסטירונג אין די הארץ פון די שטאט-צענטער צו בויען שוואונג און איינשפאנען פריוואטע דעוועלאפמענט, דינענדיג אלס א יסוד פאר ברייטערע אויפלעבונג ארויס פון די גרעניצן פון די שטאט-צענטער. א צענטראלע עלעמענט פון די פלאן איז די איבערבויאונג פון Liberty Park, אידענטיפיצירט אלס א וויכטיגע געלעגנהייט פאר גרויסארטיגע האוזינג, עפנטליכע שטח און געגנטליכע דעסטינאציעס. די סטראטעגיע ווידמעט ביז 40 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פון עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט צו פאראויס שטופן די Liberty Park דיסטריקט.

די אלבאני'ס שטאט-צענטער סטראטעגיע וועט איינגעפירט ווערן דורך דריי געציהלטע איינפלוסרייכע רעגירונג אינוועסטירונגען:

- **טראנספארמאטיווע פראיעקטן קאסע (Transformative Projects Fund) (120 מיליאן דאלאר)**: שטיצנדיג גרויסארטיגע, פראמינענטע פראיעקטן וועלכע הייבן אונטער די ערפארונג אין די שטאט-צענטער און טרייבן אויף אינטערעסע צווישן די פובליקום אין די פארשריט פון די שטאט-צענטער'ס איבערבויאונג
- **האוזינג אינוועסטירונג קאסע (Housing Investment Fund) (40 מיליאן דאלאר)**: אויסברייטערנדיג האוזינג אפציעס צו היטן אויף- און פארגרעסערן די צאל פון שטאט-צענטער איינוואוינער, שאפנדיג א 24/7 קאמיוניטי צו שטיצן ביזנעס וואוקס און שטאטישע סערוויסעס
- **קאמיוניטי אינוועסטירונג קאסע (Community Investment Fund) (40 מיליאן דאלאר)**: באררייכערנדיג פארקס, עפנטליכע שטחים און געגנטליכע איינריכטונגען

דורך סטראטעגישע סטעיט אינוועסטירונג און שטארקע פריוואטע-סעקטאר שותפות'ן, וועט די אלבאני'ס שטאט-צענטער סטראטעגיע שטיצן האוזינג דעוועלאפמענט, קליינע ביזנעס וואוקס, דזשאב שאפונג און זיכערערע, מער אקטיווע געסער. די פלאן איז אויסגעשטעלט צו אהערשטעלן קלאר זעהבארע, לאנג-אנהאלטנדע פארבעסערונגען וועלכע פארשטערקערן אלבאני'ס ראלע אלס די עקאנאמישע און קולטורישע צענטער פון דעם ראיאן.

אלס די אינפראסטרוקטורישע פון ניו יארק סטעיט און אלס א ראיאנישע עקאנאמישע צענטער, שטייט שוין אלבאני פון לאנג אויס שוועריגקייטן וואס זענען נאך שווערער געווארן מיט די ענדערונגען און ארבעט און וואוינונג אויפפירונגען נאך די פאנדעמיע, אריינרעכענענדיג הויכע ראטעס פון ליידיגע ביזנעס פלעצער און איבערגעשטרענגטע לאקאלע רעגירונג מיטלען. די אלבאני'ס שטאט-צענטער סטראטעגיע רופט זיך אפ מיט א קאנצענטרירטע, ציפערן-געטריבענע צוגאנג צו אויפלעבונג ארבעט, באפעסטיגט מיט זעקס וואוקס מטרות:

1. טריפלען די שטאט-צענטער וואוינונג קאפאציטעט צו 3,500 ביז 2035
2. צולייגן 1,500 דזשאבס אין די שטאט-צענטער אין פינף יאר; 3,000 אין 10 יאר
3. דערגרייכן פינף מיליאן יערליכע באזיכער, 90-מינוטיגע באזוכן, איבער 150 טעג פון ארגאניזירטע געשעענישן
4. דערגרייכן $3 אין פריוואטע אינוועסטירונג פאר יעדע דאלאר אין CAP פינאנצירונג
5. אריינברענגען דריי וויכטיגע שטחים אונטער קאנסטרוקציע ביז דריי יאר
6. פארבעסערן פאזיטיווע זיכערהייט רעיטינגס פאר אלבאני'ס שטאט-צענטער

די ESD וועט זיך ווענדן צו באקומען באורד באשטעטיגונג פאר פראגראם פארשריפטן ביי די זיצונג פון איר באורד אָוו דירעקטארס אום פעברואר 19, מיט אפליקאציעס פאר פראגראם געלטער זיך צו עפענען אין מערץ.

פאר מער אינפארמאציע איבער די אלבאני'ס שטאט-צענטער סטראטעגיע און איבער די CAP אינציאטיוו, באזוכט downtownalbanystrategy.com.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן